# באקומט דעם קעיר וואס איר דארפט אין דער צייט פון קאוויד 19

## פראגעס וועגן קאוויד 19?

רופט 311. טעלעפאניסטן קענען ענטפערן אייערע פראגעס און אייך אנווייזן די רעסורסן, ווי אויך טרעניערטע נורסינג פערסאנאל וואס קענען אייך העלפן באשליסן צו איר דארפט מעדיצינישע הילף.
באזוכט nyc.gov/health/coronavirus פאר אינפארמאציע וועגן פארמיידונג, סימפטאמען און וואס צו טאן אויב איר זענט קראנק.

## דארפט א דאקטער?

NYC העלט + שפיטעלער האבן אומזיסטע און נידריגע קאסט קעיר פאר אלע ניו יארקער, נישט קוקנדיג אויף אימיגראציע סטאטוס.
באזוכט nychealthandhospitals.org פאר מער אינפארמאציע און צו זוכן פאר א דאקטער, אדער רופט 844-692-4692 אדער 311.

## דארפט קאוויד 19 טעסטינג?

NYC גיט ארויס אומזיסטע קאוויד 19 דיאגנאסטישע טעסטן אויף פלעצער ארום דער שטאט.
באזוכט nyc.gov/covidtest אדער רופט 311 צו טרעפן א פלאץ.

## דארפט רעדן מיט איינעם וועגן אייער גייסטישע געזונט געברויכן?

NYC Well האט אומזיסטע רעסורסן און קאנסולערס וואס זענען גרייט 24 שעה אין טאג, זיבן טאג א וואך, פאר קורצע קאנסולטאציעס און רעקאמענדאציעס אויף קעיר.
רופט 888-692-9355 אדער באזוכט nyc.gov/nycwell.
ניו יארק סטעיטס קאוויד 19 עמאציאנעלע שטיצ-הילפליין שטעלט צו אומזיסטע שטיצע און רעקאמענדאציעס.
רופט 844-863-9314, פון 8 אינדערפרי ביז 10 ביינאכט, זיבן טאג א וואך.

## באקומט קעיר אן שרעק!

באקומען טעסטינג אדער קעיר פאר קאוויד 19 איז נישט קיין פובליק בענעפיט לויטן פובליק עול געזעץ.

פאר מער אינפארמאציע, רופט 311 אדער באזוכט nyc.gov/health/coronavirus.

דער NYC העלט דעפארטמענט קען מעגליך טוישן רעקאמענדאציעס לויט ווי דער מצב אנטוויקלט זיך.

6.20